**גאווערנער האקול אנאנסירט באנייאונג פון ווייט פלעינס מעטראָ-נאָרט סטאנציע**

***95 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט איז פארענדיגט געווארן לויט'ן בודזשעט און נעמט אריין סטאנציע רענאוואציעס פאר בעסערע צוגענגליכקייט און סעיפטי אפגרעידס***

***וועיטינג רום טראנספארמירט מיט טעכנאלאגיש פארגעשריטענע פארבעסערונגען***

***בילדער צו געפונען [דא](); ווידעאו פון די היינטיגע MTA פרעסע קאנפערענץ צו געפונען [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער פארענדיגונג פון די פול-פארנעמיגע 95 מיליאן דאלערדיגע באנייאונג פון מעטראָ-נאָרט רעילראָוד׳ס סטאנציע אין דאונטאון ווייט פלעינס, וועלכס האט טראנספארמירט די סטאנציע אויף א טעכנאלאגיש פארגעשריטענע קאמפלעקס. די רענאוואציע האט זיך אנגעהויבן אין 2018 אלס טייל פון מעטראָ-נאָרט׳ס סטאנציע פארבעסערונג איניציאטיוו צו ברענגען א מער קאסטומער-פריינטליכע אטמאספערע פאר קאָמיוטערס.

די סטאנציע טראנספארמאציע פון אויבן אראפ האט אריינגענומען דאס איבערמאכן די סטאנציעס הויפט אריינגאנג ביי די סטאנציע פלאזא, די מעין סטריט אריינגאנג, די העמילטאן עוועניו אריינגאנג, און דער מאט סטריט טונעל. די סטאנציע איז איבערגעמאכט געווארן צו ברענגען א מאדערנע און דערפרישטע אעסטעטיק צו דער סטאנציע, אריינגערעכנט גע׳אפדעיט׳ע שילדן, גלעזערנע אריינגאנגען, הילצערנע סאָפיטן, א פארברייטערטע הויפט לאָבי, פארבעסערטע באלייכטונגען און אפגרעיד׳עטע HVAC סיסטעם. די זייטיגע און אינזל פלאטפארמעס זענען פארצויגן געווארן צו העכערן קאפאציטעט אזוי ווי מער קאָמיוטערס קערן זיך אום צו דעם סיסטעם.

"אָפּגרעיד׳ען אונזער טראנספארטאציע צענטער צו טרעפן צו די פארלאנגען פון די 21׳סטע יארהונדערט טרייבט דער עקאנאמישער אומקער וואס מיר דארפן היינט האבן און וועט העלפן ניו יארק׳ס עקאנאמיע בלייבן ווייטער פארמעסטעריש אינ׳ם צוקונפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די רענאווירטע סטאנציע אין ווייט פלעינס איז א הויפט ביישפיל פון דער אנטשלאסנקייט און מיט דאס פארענדיגן די פארבעסערונגען וועלן קאָמיוטערס און באזוכער האבן מעט צוטריט צו א מער זיכערע ערשטראנקיגע רייזע דורכלעבעניש."

"מאסן טראנזיט איז דער רוקנביין פון אונזער עקאנאמיע אזוי ווי מענטשן זעצן פאר ווייטער זייער אומקער צו דער ארבעטספלאץ, און גרויס-פארנעמיגע פראיעקטן צו פארשטערקערן אינפראסטרוקטור וועט העלפן ניו יארקערס זיך אומקערן צו די רעלסן," **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער ברייען בענדזשאמין.** "מעטראָ-נאָרט איז א הויפט באהעפטער פאר וועסטשעסטער קאונטי איינוואוינער אנצוקומען קיין ניו יארק סיטי, און טאקע דערפאר וועט דאס אָפּגרעיד׳ען די הויפט קאָמיוטער רעילראוד צענטערס ווי ווייט פלעינס אונז ערמעגליכן צו האלטן דער עקאנאמישע ערהוילונג אויף די שינעס."

**דזשענא ליעבער, MTA עקטינג פארזיצער און CEO, האט געזאגט,** "דער אופן אויפצובויען און אויסהאלטן פארערשאפט איז צו טראנספארמירן סטאנציעס וועלכע סערווירן קאסטומער געברויכן מער פון סתם כאפן דעם טרעין. ווייט פלעינס איז די דריט-גרעסטע מעטראָ-נאָרט סטאנציע וואס סערווירט טויזנטער קאָמיוטערס אויף א דורכשניטליכע בעפאר-פאנדעמישער וואכנטאג. דער פראיעקט ליפערט א טעכנאלאגיש פארגעשריטענע טראנזיט קאמפלעקס וואס קומט זיך פאר די וועסטשעסטער קאונטי ציווילע און ביזנעס צענטער דורך צושטעלן באקוועמליכקייטן וואס געבן קאסטומערס די מעגליכקייט צו זיין פראדוקטיוו אויפ׳ן וועג, ווייטער זיי צו אינצענטיווירן זיך אומצוקערן צו מאסן טראנזיט."

**קעטערין רינאלדי, פרעזידענט פון מעטראָ-נאָרט רעילראָוד, האט געזאגט,** "די ווייט פלעינס באנייאונג פראיעקט איז די גאנצע סיבה פון דעם *'וועי אהעד'* פראגראם, וועלכס גיבט אונזערע קאסטומערס די בעסטע דורכלעבעניש בשעת'ן דורכגיין די סיסטעם, פארבעסערן אונזער אינפראסטרוקטור און העכערן צוגענגליכקייט. ווייט פלעינס איז א הויפט רעווערס קאָמיוט דעסטינאציע, אין צוגאב צו סערווירן קאסטומערס וועלכע פארן אין שטאט אריין. איך וויל דאנקען די שטאט ווייט פלעינס און וועסטשעסטער קאונטי פאר'ן זיין אויסגעצייכנטע שותפים אין פאראויס ציען דעם פראיעקט, ווי אויך די גאנצע פראיעקט טיעם פאר אן אמת'דיג אויסגעצייכנטע ארבעט אין ברענגען א מאדערניזירטע סטאנציע וואס וועט סערווירן מעטראָ-נאָרט און אונזערע ווייט פלעינס קאסטומערס פילע יארן אין דער צוקונפט."

מאנשאפטן האבן אינסטאלירט א נייע עלעוועיטער וואס איז אינגאנצן איינשטימיג מיט דע אמעריקאנע מיט אומפעאיגקייטן אקט. דער עלעוועיטער פירט פון די הויפט לאָבי צו א זייטיגע פלאטפארמע אין אלגעמיין גענוצט נאר פאר נאָרטבאָונד אנקומער.

**קוועמעל אַראָיאָ, MTA הויפט צוגענגליכקייט אפיציר, האט געזאגט,** "א צענטראלע פריאריטעט פון די רענאוואציע איז געווען צו פארבעסערן צוגענגליכקייט. פאר ווילטשעיר ניצער ווי איך, סיניארס מיט באוועגונג אומפעאיגקייטן, עלטערן מיט קינדער אין סטראָלערס און אזוי פיל אנדערע קען עס זיין גאר שווער ארום צו גיין, אבער נישט ביי ווייט פלעינס. דאס זאל דינען אלס א מוסטער פאר אלע MTA סטאנציעס אזוי ווי מיר שטרעבן פאר סיסטעם-ברייטע צוגענגליכקייט."

**ראנדע הערמאן, פארזיצערין פון דער MTA באָורד'ס מעטראָ-נאָרט קאמיטע, האט געזאגט,** "די ווייט פלעינס סטאנציע איז אן אינטעגראלע טייל פון דער הארלעם ליניע, און צו די ווייט פלעינס קאמיוניטי. עס איז העכסט-נויטיג אז מיר זאלן אפשפיגלען די וויכטיגקייט מיט ערשטראנקיגע סטאנדארטן סיי אין סערוויס הינזיכט און סיי און קאסטומער דורכלעבעניש הינזיכט, וועלכע דער פראיעקט האט אויסגעפירט. איך אפלאדיר מעטראָ-נאָרט פאר'ן פארענדיגן דעם פראיעקט באצייטנס, אזוי ווי מיר באגריסן פארער אויף צוריק."

דער פראיעקט נעמט אריין קאנסטרוקציע פון נייע טרעפ מיט אן אויטאמאטישע סיסטעם צו שמעלצן שניי און אייז גלייך ווען עס פאלט, און דורכדעם העלפן פארמיידן גליטשיגע אויבערפלאכן דורכאויס די עקסטרעמע וועטערן. מאנשאפטן האבן אויך אינסטאלירט נייע פלאטפארמע חופות מיט הילצערנע דעכער, און LED באלייכטונגען צו שטימען מיט די אָפּגרעיד'עטע אעסטעטיק פון דער הויפט לאָבי.

דיווארט צימער אויף דער אינזל פלאטפארמע איז איבערגעמאכט געווארן מיט ברייטערע פלאץ, גלעזערנע צוימען מיט נייע אינעווייניגע סטאנציע וואנט פאנעלס, הילצערנע דעכער און פיקסטשורס. די טיקעט אפיס, וואשצימערן, און קאנצעסיע פלעצער (געשעפטן) זענען אויך איבערגעמאכט געווארן זיך צוצופאסן צו דעם טעם פון דער נייער סטאנציע. דיגיטאלע סקרינס זענען אינסטאלירט געווארן אין צוגאב צו בעסערע הייצונג און קילונג קאנטראל כד אז קאָמיוטערס קענעןווארטן פאר'ן טרעין באקוועמערהייט.

קאָמיוטערס וואס זוכן צו קענען אויפטוהן ארבעט אויפ'ן וועג וועלן אויך באמערקן צוגעלייגטע באקוועמליכקייטן לענגאויס די סטאנציע, ווי למשל ווײ-פיי און סעלפאָן פארבינדונג און USB טשארדזשערס אויף די בענק. דיגיטאלע שילדן זענען אויך צוגעלייגט געווארן אויף פלאטפארמעס ווי אויך צו באזארגן גרינגע צוטריט צו טרעין אינפארמאציע. די דיגיטאלע שילדן דערגאנצעט ניי-אינסטאלירטע טיקעט ווענדינג מאשינען צו מאכן דער סטאנציע סביבה נאך מער קאסטומער פריינטליך.

די רענאווירטע סטאנציע אנטהאלט אויך ניי מאָזעיאיק און קאלירטע גלאז קונסטווערק דורך קונסטלער באַרבארא טאקענאגא פיגורירנדיג די ארטיס'ס אייגענע סטיליזירטע אַבסטראַקט פארמען.

**סענדרע בלודוואורט, דירעקטאר פון ׳MTA אַרטס ענד דעזיין׳, האט געזאגט,** "בארבארא ברענגט איר אויג-פארכאפנדע און ריטמישע פארמען צו די ריטעמס פון אונזער טאג-טעגליכע קאַמיוּט, אונז צו ענערגיזירן בשעת מיר פארן מיט אירע אייביגע שטריכן וועלכע פירן אונז ווייטער אויפ׳ן וועג. ׳פארטע׳ (קווארעפאס) און ׳בלו רעילס׳ (ווייט פלעינס), אינסטאלירט ביי מעטראָ-נאָרט׳ס ווייט פלעינס סטאנציע, מיט זייערע טיף בלויע און לעבהאפטע קאלירן, האט די פאטענציעל אריבערצופירן אונזער טעגליכע קאַמיוּט אויף אן אומערווארטעטע קאזמישע רייזע."

ווייט פלעינס סטאנציע איז דער דריט-גרעסטער מעטראָ-נאָרט סטאנציע, סערווירנדיג איבער 12,000 קאַמיוּטערס אויף א בעפאר פאנדעמיע וואכנטאג, נאכפאלגנדיג נאר סטעמפאר און גרענד צענטראל טערמינאל. די ווייט פלעינס סטאנציע, ענליך צו די סטעמפארד סטאנציע ביי דער ניו העיווען ליניע, איז צענטראלע סטאנציע אר הארלעם ליניע קאַמיוּטערס באזארגנדיג עקספרעס און ארטיגע סערוויס. אין צוגאב צו די ארטיגע און עקספרעס באהעפטונג, איז די סטאנציע אויך א צענטער פאר באס באהעפטונגען, מיט אומגעפער 3,000 באס טראנספערס א טאג אין בעפאר פאנדעמישע צייטן.

**קאנגרעסמאן מאנדעיר דזשאונס האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט אז נאך דריי יאר פון רענאוואציעס איז דער ווייט פלעינס באן סטאנציע ענדליך פארענדיגט. אלס די פארנומענסטע סטאנציע אין וועסטשעסטער, טוהט דער ווייט פלעינס באן סטאנציע באהעפטן טויזנטער מענטשן לענגאויס ניו יארק׳ס 17׳טע קאנגרעסיאנעלע דיסטריקט. מיט פארבעסערטע ADA צוגענגליכקייט, אפגרעיד׳עטע באקוועמליכקייטן ווי ווי-פיי און USB טשארדדזשערס, און מער, וועט דער נייער סטאנציע פארבעסערן די קאַמיוּטס און די לעבנס פון אזוי פיל מענטשן. די רענאוואציעס פארטרעטן א העכסט-נויטיגע טריט אין די קאמף פאר זיכערע און פארלעסליכע טראנספארטאציע אין וועסטשעסטער קאונטי. אינוועסטירונג אין אונזער פובליק טראנזיט זענען אינוועסטירונגען אין אונזערע קאמיוניטיס, און איך בין אנטשלאסן ווייטער צו קעמפן פאר די פעדעראלע אינוועסטירונגען נויטיג אויף צו פארזיכערן אז מענטשן אין מיין דיסטריקט און לענגאויס דעם לאנד האבן די טראנספארטאציע וואס קומט זיך זיי."

**סענאט מאיאריטעט פירער אנדרעא סטוערט-קאזינס האט געזאגט,** "דער פארענדיגונג פון דעם פראיעקט איז גרויסע נייעס פאר ווייט פלעינס און וועסטשעסטער קאונטי. מאדערנע פובליק טראנספארטאציע איז דער שליסל פאר שטעט צו בלייבן ביים לעבן. עס איז א ריזיגע בענעפיט פאר איינוואוינער און א פארקויף פונקט פאר קארפארעישענס. איבער 12,000 פארער פארלאזן זיך אויף דער סטאנציע יעדן וואכנטאג, און מיט די אינפראסטרוקטור פראיעקט פארענדיגט, האבן זיין שוין א בעסערע קאמיוטינג עקספיריענס. די סטאנציע אפגרעידס פארבעסערן צוגענגליכקייט, העכערן זיכערהייט, און פארבעסערן ווי-פיי צוטריט. דער סטעיט סענאט מאיאריטעט פריאריטיזירט ווייטער און אינוועסטירט אין אונזער סטעיט׳ס אינפראסטרוקטור, און איך דאנק די MTA פאר זייער ארבעט אויף צו שטארק פארבעסערן דער גאר וויכטיגער סטאנציע."

**סענאטארקע שעלי ב. מייער האט געזאגט,** "עס פרייידט מיר זייער צו זעהן דער פארענדיגונג פון דאס איבערמאכן און די רענאוואציע פון די ווייט פלעינס באן סטאנציע. עס בלייבט צווישן די סטאנציעס מיט די העכסטע פארערשאפט אין די מעטראָ-נאָרט סיסטעם, און איר מאדערניזאציע וועט העלפן צוריקציען פארער צוריק צום סיסטעם אזוי ווי מיר בויען איבער דער עקאנאמיע."

**אסעמבלי-מיטגליד עימי פאולין האט געזאגט,** "די פארענדיגטע רענאוואציע פון די ווייט פלעינס באן סטאנציע איז גוואונשענע נייעס פאר די טויזנטער איינוואוינער וועלכע פארלאזן זיך אויף מעטראָ-נאָרט אנצוקומען דארט וואו זיי דארפן גיין יעדע וואך. די ווידער-אויפגעלעבטע סטאנציע פארזיכערט מער צוגענגליכקייט, פארבעסערט קאסטומער עקספיריענס און סערוויס, און פארבעסערט זיכערהייט. די ווייט פלעינס סטאנציע איז די פארנומענסטע באן סטאנציע אין וועסטשעסטער און איז קריטיש צו אונזער

קאונטי איינוואוינער און עקאנאמיע. איך וויל ווייטער אדוואקירן פאר אינוועסטירן אין מאסן טראנזיט פראיעקטן ווי די דאזיגע, וועלכס וועט פארבעסערן די טעגליכע לעבנס ון אלע וואס ארבעטן און וואוינען אין די שטאט ווייט פלעינס און אונזער ראיאן."

**אסעמבלי-מיטגליד קריס בורדיק האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט אז דאס באדייטנדע איבערמאכן פון מעטראָ-נאָרט׳ס ווייט פלעינס סטאנציע איז שוין פארענדיגט. אזוי ווי מיר קומען ארויס פון דער פאנדעמיע, וועלן קאָמיוטערס צו דער גאר באניצטע סטאנציע ווארעם אויפנעמען די זיכערע ADA אויספאלגנדע און מער ווירקזאמע סביבה פול מיט אויסגעצייכנטע באקוועמליכקייטן פון ווי-פיי און סעלפאָן פארבינדונג צו א פארברייטערן ווארט צימער און פארבעסערטע ווענדאָר פלאץ. איך וויל באדאנקען די MTA פאר׳ן ברענגען אן אויסגעצייכנטע פראדוקט און זייער פעסטקייט אין דאס דורכזעהן ביז׳ן סוף."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לעטימער האט געזאגט,** "די סטאנציע איז א הויפט צענטער פאר וועסטשעסטער קאָמיוטערס און די ארבעט וואס מען טוהט דא — אין מיטן פון א פאנדעמיע — וועט פאזיטיוו אפעקטירן די טויזנטער וואס פארלאזן זיך אויף דעם יעדן טאג. אנטוויקלונג אויסגעשטעלט ארום קאָמיוטער פריינטליכע ערטער וועט זיין א הויפט אונטערהייב כוח צו אונזערע קאוויד-19 ערהוילונג אויסזיכטן און איך לויב די פירערשאפט פון די MTA פאר׳ן דורכפירן דער מאסיווער אונטערנעמונג."

**ווייט פלעינס מעיאר טאם ראוטש האט געזאגט,** "קאנגראטולאציעס צו מעטראָ-נאָרט און פרעזידענטקע קאטערינע רינאלדי אויף דער פארענדיגונג פון דער העכסט-נויטיגער אפגרעיד צו די ווייט פלעינס סטאנציע, וועלכס איז איינע פון די פארנומענסטע אין די מעטראָ-נאָרט סיסטעם. צוליב די הויכע שטאפל אקטיוויטעט ביי די סטאנציע האב איך שוין פון לאנג אן געגלויבט אז עס קומט זיך אן אפגרעיד. דאס איז געווארן נאך מער אנזעהבאר אזוי ווי די שטאט האט אנגעהויבן די ארבעט פון ווידער-אנטוויקלען די געגנט הארט נעבן די סטאנציע. די ארבעט זעצט פאר ווייטער און עס וועט בלי ספק פארבעסערט ווערן צוליב די אינוועסטירונג געמאכט דורך מעטראָ-נאָרט. עס איז אן אנערקענונג פון די וויכטיגקייט פון די ווייט פלעינס אלס א צענטער אין די מעטראָ-נאָרט סיסטעם און אן אנערקענונג פון די באהאפטנקייט פון די סטאנציע און די עקאנאמישע לעבנסקראפט פון אונזער שטאט."

דער פראיעקט איז געווען א טייל פון מעטראָ-נאָרט׳ס סטאנציע פארבעסערונג איניציאטיוו, פינאנצירט דורך די MTA׳ס 2015-2019 און 2020-2024 קאפיטאל פראגראמען, און אינאיינעם מיט מעטראָ-נאָרט׳ס *׳וועי אהעד׳* פלאן צו פארבעסערן קאסטומער עקספיריענס. די ציל פון דער סטאנציע פארבעסערונג איניציאטיוו איז צו טראנספארמירן און העכערן די אלגעמיינע קאסטומער עקספיריענס דורך ברענגען ערשטראנקיגע סטאנדארטן, מיט א פאקוס אויף פארבעסערן פובליק געפעליגקייט דורך דאס אריינברענגען נייע טעכנאלאגיע און אויסשטעל אינאוואציע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן